# גליון היכל הקודש

ווערכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת כי תצא, ט' אלול, אבות פרק א'-ב', שנת תש"פ לפ"ק
שנה 9, גליון 49 (463)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:19
מוצאי שב"ק.......................8:44

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..........................חבקוק ב'-ג'
בבלי........................עירובין כ'
ירושלמי.....................תענית כ'
תוספתא...................כתובות ג'
רמב"ם......................תשובה ג'

## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

### הָקֵם תָּקִים עִמּוֹ

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אוּנְז מְחַזֵק צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִקְרָא מִשְׁנָה גְמָרָא, בִּיז מֶען הוֹיבְּט אָן שְׁפִּירְן דֶעם טַעַם פוּן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן מֶען פַאנְגְט אָן צוּ לֶערְנֶען אוֹיךְ מִדְרָשׁ רַבָּה אוּן מִדְרָשׁ תַּנְחוּמָא וָואס דָאס אִיז אַזוֹי שֵׁיין, נָאכְדֶעם מַאכְט מֶען זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן, פַארְוָואס זָאל אִיךְ נִישְׁט לֶערְנֶען אַבִּיסְל יְרוּשַׁלְמִי אוּן תּוֹסֶפְתָּא אוֹיךְ, וָואס אוֹיבּ מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג בַּ'בְלִי יְ'רוּשַׁלְמִי תּ'וֹסֶפְתָּא בּוֹיעֶט מֶען זִיךְ אַ הוֹיז [בַּיִ"ת], אוּן אַזוֹי אוֹיךְ לֶערְנְט מֶען אַבִּיסְל רַמְבַּ"ם אוּן טוּר, אוּן מֶען שְׁפִּירְט אַזַא חִיוּת אִין דִי תּוֹרָה, אַז מֶען דַארְף שׁוֹין נִישְׁט גָארְנִישְׁט מֶער.

אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַ גְרוֹיסְן צַדִיק אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, רֶבִּי זֶעלִיג רְאוּבֵן בֶּענְגִיס זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, [דֶער יְרוּשָׁלַיִמֶ'ער רָב, בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר: לִפְלַגּוֹת רְאוּבֵן], פְלֶעגְט מֶען זָאגְן אוֹיף אִים, אַז עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט הוּנְדֶערְט אוּן אֵיין מָאל שַׁ"ס בְּעִיוּן, וַוייל עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג מַאכְן סִיוּמִים, אֵיינְמָאל הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ סִיוּם אוֹיף שַׁ"ס, אוּן נִישְׁט לַאנְג דֶערְנָאךְ הָאט עֶר גֶעמַאכְט נָאךְ אַ סִיוּם הַשַּׁ"ס, אוּן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ גֶעוואוּנְדֶערְט, וִוי אַזוֹי אִיז מֶעגְלִיךְ צוּ מַאכְן אַזוֹי שְׁנֶעל נָאךְ אַ סִיוּם הַשַּׁ"ס? הָאט עֶר גֶעזָאגְט: אֱמֶת, אִיךְ לֶערְן טַאקֶע בְּעִיוּן, דָאךְ הָאבּ אִיךְ אָבֶּער נָאךְ אַ שִׁיעוּר וָואס אִיךְ זָאג שַׁ"ס, וְוִיבַּאלְד אִיךְ בִּין רָב אִין יְרוּשָׁלַיִם, דַארְף אִיךְ כְּסֵדֶר גֵיין אוֹיף חוּפָּה'ס אוּן אוֹיף בְּרִית'ן, הַאלְט אִיךְ מִיט מִיר אַ קְלֵיינֶע גְמָרָא, אוּן בִּיז מֶען קוּמְט אָן, כַאפּ אִיךְ אַלְץ אַרַיין אַבִּיסְל, יֶעצְט הָאבּ אִיךְ מְסַיֵים גֶעוֶועְן שַׁ"ס, אוֹיף דֶעם וֶועג פוּן זָאגְן דָא אוּן דָארְט אַבִּיסְל.

עֶר הָאט גֶעהַאט אַ מִנְהָג אַז צְוֵויי מָאל אַ יָאר פְלֶעגְט עֶר גֵיין בַּאזוּכְן דֶעם גְרוֹיסֶער גָאוֹן רֶבִּי אִיסֶר זַלְמָן מֶעלְצֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, אוּן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן נָאכְ'ן בַּאזוּךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "יְיַשֵׁר כֹּחַ!" אוּן נָאכְדֶעם אִיז עֶר אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶועְן אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער, סַיי דָאס בַּאזוּכְן, וַוייל רֶבִּי אִיסֶר זַלְמָן אִיז גֶעוֶועְן יוּנְגֶער פוּן אִים וְכוּ', בִּפְרַט אִיז גֶעוֶועְן אִינְטֶערֶעסַאנְט דָאס זָאגְן יֶעדֶעס מָאל יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר'ן אַוֶועקְגֵיין, הָאבְּן דִי יְרוּשָׁלַיִמֶ'ע אִידְן זִיךְ גֶעוַואגְט אִים צוּ פְרֶעגְן דֶערוֹיף, הָאט עֶר גֶעזָאגְט, אִיךְ וֶועל אַייךְ עֶפֶּעס דֶערְצֵיילְן: מִיר הָאבְּן בֵּיידֶע גֶעלֶערְנְט אִין דִי וַואלָאזְשֶׁענֶער יְשִׁיבָה, וָואס אִין יֶענֶע צַייט זֶענֶען גֶעוֶועְן אִין וַואלָאזְשִׁין גֶעפֶערְלִיכֶע מִינִים אוּן אַפִּיקוֹרְסִים, וָואס הָאבְּן גֶעמַאכְט לֵיצָנוּת פוּן דִי גְמָרָא, אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיסְגֶעטֵיילְט טָמֵא'נֶע בִּיכֶער, כְּדֵי אַרַיינְצוּכַאפְּן דִי גוּטֶע קֶעפּ. לֵיידֶער אִיז זֵיי דָאס גֶעלוּנְגֶען אוּן זֵיי הָאבְּן אַרַיינְגֶעכַאפְּט אָן אַ שִׁיעוּר בָּחוּרִים לוֹמְדִים, וָואס זֶענֶען נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ פוּן אִידִישְׁן וֶועג רַחְמָנָא לִצְלָן.

אֵיין שֵׁיינֶעם טָאג - דֶערְצֵיילְט עֶר וַוייטֶער - הָאבּ אִיךְ זִיךְ אוֹיךְ צוּגֶעכַאפְּט צוּ אַזַא בּוּךְ, אוּן עֶס הָאט מִיר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ צִיעֶן, אוּן רֶבִּי אִיסֶר זַלְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דָאס בַּאמֶערְקְט, הָאט עֶר דָאס גְלַייךְ מִיט זַיין הוּט אַרוֹיסְגֶעקְלַאפְּט פוּן מַיינֶע הֶענְט בִּיז דָאס אִיז אַרוֹיסְגֶעפַאלְן, וַוייל עֶר הָאט דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט אֲפִילוּ אָנְרִירְן, אוּן הָאט דָאס אַזוֹי גֶעשְׁטוֹיסְן מִיט זַיינֶע פוּס בִּיז צוּם אוֹיוְון, אוּן דָאס פַארְבְּרֶענְט, אוֹיךְ הָאט עֶר מִיר פָארְגֶעהַאלְטְן אוֹיף דֶעם.

לְמַעֲשֶׂה הָאט מֶען בַּיים סוֹף פַארְמַאכְט דִי יְשִׁיבָה, וַוייל מֶען הָאט אַיינְגֶעזֶען אַז עֶנְדֶערְשׁ זָאל מֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין יְשִׁיבָה וִוי אֵיידֶער מֶען זָאל רַחְמָנָא לִצְלָן גֶעכַאפְּט וֶוערְן אִין מִינוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת.

הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפִירְט: דֶערְפַאר קוּם אִיךְ אִים שְׁטֶענְדִיג בַּאזוּכְן, אוּן אִים אָפְּדַאנְקֶען, אוֹיף דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ שׁוֹין מְסַיֵים גֶעוֶועְן אַזוֹיפִיל מַסֶכְתּוֹת, אַזוֹיפִיל מָאל גֶעלֶערְנְט שַׁ"ס, אוּן אִיךְ זָאג דֶעם יְיַשֵׁר כֹּחַ אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט מִיר גֶערַאטֶעוֶועט מַיין לֶעבְּן, וַוייל וֶוען נִישְׁט אִים וָואלְט אִיךְ אִינְגַאנְצְן פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן מִיט מִינוּת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן. זֶעט מֶען פוּן דֶעם, אַז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אַז מֶען רַאטֶעוֶועט אַ אִידִישׁ קִינְד.

(קוּנְטְרֵס אַ סוֹף צוּ דִי צָרוֹת)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### עוֹלָם הַתּוֹהוּ

דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז עֶס אִיז דָא אַמָאל אַז וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטַארְבְּט וֵוייסְט עֶר נָאכְנִישְׁט אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, אוּן מֶען טוּט אַ טוֹבָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן, וֶוען מֶען זָאגְט אִים אַז עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן. דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ", אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז שׁוֹין גֶעשְׁטָארְבְּן מֵיינְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַן עֵצָה אוֹיף דֶעם אַז מֶען זָאל זַיין בַּיי אִים דְרַיי צַייטְן אִין יָאר, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת, אוּן אוֹיךְ אַז מֶען זָאל שְׁוֶוערְן אַז גְלַייךְ נָאכְ'ן שְׁטַארְבְּן וֶועט מֶען גֵיין צוּם רֶבִּי'ן, אוּן אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ וֶועט דָאס טוּן וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן דֶעם פְּרָאבְּלֶעם פוּן עוֹלָם הַתּוֹהוּ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַ מַעֲשֶׂה אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶועְן אַ רָב וָואס אִיז גֶעוֶועְן אַ גוּטֶער פְרַיינְד מִיט אַ אִיד פוּן זַיין שְׁטָאט, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט אַז וֶוער פוּן זֵיי עֶס וֶועט שְׁטַארְבְּן פְרִיעֶר וֶועט קוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַארְן צְוֵוייטְן אִין חָלוֹם וָואס עֶס אִיז גֶעוֶועְן מִיט אִים אוֹיבְן. לְמַעֲשֶׂה אִיז דֶער רָב גֶעשְׁטָארְבְּן קוֹדֶם, אוּן דֶער אִיד הָאט גֶעוַוארְט אַז דֶער רָב זָאל קוּמֶען צוּ אִים אִין חָלוֹם אָבֶּער דֶער רָב אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען.

<<<<<<

## א גוט ווארט

זָאג דַיין וַוייבּ אַז בִּשְׁעַת זִי אִיז בַּאשֶׁעפְטִיגְט מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט זָאל זִי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוען זִי וַואשְׁט דִי גֶעשִׁיר, זִי לֵייגְט צוּזַאם דִי וֶועשׁ וְכוּ', זָאל זִי רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז אִיר דַאוֶנֶען, אוּן דָאס אִיז אִיר יוֹם תְּהִלִים.

מֶען הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט פַארְן רֶבִּי'ן אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען מְבַטֵל זַיין אַלֶע וַוייבֶּער שׁוּלְן", הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "עֶס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, עֶס קֶען נִישְׁט זַיין אַז דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט דָאס גֶעזָאגְט, פּוּנְקְט פַארְקֶערְט! מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בִּזְכוּת דִי תְּפִילוֹת פוּן אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן וָואס זֵיי דַאוֶנֶען אוּן בֶּעטְן אַז מָשִׁיחַ זָאל קוּמֶען". זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעהַאלְטְן פוּן תְּפִילוֹת פוּן פְרוֹיעֶן.

מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנֶען בַּיי דִי דְרָשׁוֹת וָואס עֶר פְלֶעגְט זָאגְן פַאר דִי פְרוֹיעֶן דֶעם מַאֲמַר חֲזַ"ל (קִידוּשִׁין מט:): "עֲשָׂרָה קַבִּין שִׂיחָה יָרְדוּ לָעוֹלָם, תִּשְׁעָה נָטְלוּ נָשִׁים, וְאֶחָד נָטְלוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלוֹ", אַ מָאס פוּן צֶען קַב 'שְׁמוּעֶסְן' אִיז אַרָאפּ גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, נַיין קַב הָאבְּן גֶענוּמֶען דִי פְרוֹיעֶן, אוּן אֵיין קַב אִיז צֶעטֵיילְט גֶעוָוארְן פַאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט; סְתַּם מֶענְטְשְׁן נִיצְן דֶעם חֲזַ"ל אַרָאפּ צוּ קְלַאפְּן פְרוֹיעֶן אוּן צוּ אָפְּשְׁפֶּעטְן פוּן זֵיי, אַז פְרוֹיעֶן רֶעדְן אַסַאךְ וְכוּ', אָבֶּער מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן פַאר דִי פְרוֹיעֶן: "פוּן דֶעם חֲזַ"ל זֶעט מֶען אַז אַ פְרוֹי קֶען מֶער רֶעדְן וִוי אַ מַאן, זָאל אַ פְרוֹי נִיצְן אִיר מָאס רֵייד צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה חַיֵי שָׂרָה תשע"ח)

# מַיינֶע עֶלְטֶערְן גֵייעֶן זִיךְ גֶט'ן, וְוי אַזוֹי בִּין אִיךְ זִיךְ מְחַזֵק?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מִיר הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט פַאר נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק, בָּרוּךְ ה' אַז מִיר הָאבְּן אַ זִיס גֶעשְׁמַאק לֶעבְּן, אִיךְ הָאבּ בָּרוּךְ ה' הַיינְט זוֹכֶה גֶעוֶוען מְסַיֵים צוּ זַיין שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה צוּם 32'סְטֶע מָאל, אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ מְחַזֵק דָא אִינְאֵיינֶעם מִיט דִי תַּלְמִידִים פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א.

מַיינֶע עֶלְטֶערְן גֵייעֶן זִיךְ יֶעצְט גֶט'ן, אוּן אִיךְ דַארְף חִיזוּק פַאר מִיר אוּן פַאר מַיין וַוייבּ וְוי אַזוֹי דָאס צוּ הַאנְדְלֶען.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת שׁוֹפְטִים, א' דְרֹאשׁ
חוֹדֶשׁ אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז זֵייעֶר וֵוייטָאגְלִיךְ וֶוען קִינְדֶער דַארְפְן אַרִיבֶּערְגֵיין דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין וֶוען טַאטֶע מַאמֶע גֶט'ן זִיךְ הַשֵׁם יִשְׁמְרֵנוּ; קֵיינֶער אִין דִי וֶועלְט קֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין דִי צַעַר אוּן וֵוייטָאג וָואס קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער וֶוען דִי עֶלְטֶערְן גֶט'ן זִיךְ. דִי עֶלְטֶערְן טְרַאכְטְן נָאר פוּן זִיךְ; דֶער טַאטֶע טוּט וָואס אִיז אִים בַּאקְוֶועם אוּן דִי מַאמֶע טוּט וָואס אִיז אִיר בַּאקְוֶועם, קֵיינֶער פוּן זֵיי טְרַאכְט נִישְׁט פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פַּיין אוּן וֵוייטָאג וָואס דִי קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער.

בַּיי דִיר אִיז דָאס אַבִּיסְל גְרִינְגֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט צוּגֶעגְרֵייט דַיין רְפוּאָה פַאר דִי מַכָּה, דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (מְגִילָּה יג ע"ב; שִׁיר הַשִּׁירִים רַבָּה ד, יב) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער בְּרֶענְגְט נִישְׁט דִי מַכָּה פַאר עֶר גְרֵייט צוּ דִי הֵיילוּנְג דֶערְצוּ; דָאס אַז דוּ הָאסְט חֲתוּנָה גֶעהַאט, דוּ לֶעבְּסְט אַזוֹי שֵׁיין, דוּ לֶעבְּסְט אַזוֹי זִיס מִיט דַיין וַוייבּ - דָאס אִיז דַיין רְפוּאָה אַז דוּ זָאלְסְט נִישְׁט צֶעפַאלְן וֶוען דַיין עֶלְטֶערְנ'ס שְׁטוּבּ צֶעפַאלְט.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין וַוייבּ; אִיר זָאלְט לֶעבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן. אִיר וֶועט אִינְאֵיינֶעם אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ וַוייל אִיר וֵוייסְט דָאךְ יָא וָואס קִינְדֶער גֵייעֶן אַרִיבֶּער וֶוען זֵיי זֶעעֶן מִיט זֵייעֶרֶע אוֹיגְן וְוי מֶען פַארְבְּרֶענְט זֵייעֶר בֵּית הַמִקְדָשׁ, וְוי מֶען צֶעבְּרֶעכְט זֵייעֶר טֵייעֶרְסְטֶע אוּן הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ אִין דִי וֶועלְט.

וָואס יָא? דוּ זָאלְסְט רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דַיינֶע יוּנְגֶערֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער וָואס זֵיי הָאבְּן נָאךְ נִישְׁט זֵייעֶר אֵייגֶענֶע שְׁטוּבּ, זֵיי לִיגְן נָאךְ אָנְגֶעלַיינְט אוֹיף טַאטֶע מַאמֶע, פַאר זֵיי אִיז יֶעצְט גָאר בִּיטֶער; וְוי שְׁוֶוער עֶס אִיז פַאר דִיר אַסַאךְ שְׁוֶוערֶער אִיז פַאר זֵיי, זָאלְסְטוּ זֵיי עֶפֶענֶען דַיין טִיר, זֵיי זָאלְן וִויסְן אַז זֵיי הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ וואוּ זֵיי קֶענֶען קוּמֶען רֶעדְן, שְׁמוּעֶסְן אוּן בַּאקוּמֶען אַבִּיסְל לִיבְשַׁאפְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים. אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוֹפְטִים תש"פ)

>>>>>>

עֶס אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען צֶען יָאר אוּן דֶער אִיד הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט שְׁטַארְבְּן הָאט עֶר דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פַאר זַיין זוּן, אָבֶּער דֶער רָב אִיז אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּם זוּן, נָאכְדֶעם אִיז דוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען נָאךְ צֶען יָאר, אוּן דֶער זוּן הָאט שׁוֹין אוֹיךְ גֶעדַארְפְט שְׁטַארְבְּן הָאט עֶר דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר זַיין זוּן, אוּן אַכְט יָאר שְׁפֶּעטֶער אִיז דֶער רָב גֶעקוּמֶען צוּ דֶעם אֵיינִיקְל צוּ דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִים אִיז גֶעשֶׁען.

עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן אוּן מֶען הָאט אִים בַּאגְרָאבְּן אוּן אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין קֵבֶר, הָאט עֶר גֶעמֵיינְט אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ אוּן עֶר אִיז נָאךְ גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, עֶר הָאט זִיךְ גֶערֶעגְט פַארְוָואס מֶען נֶעמְט אַ גֶעזוּנְטֶען מֶענְטְשׁ אוּן מֶען לֵייגְט אִים אַרַיין אִין קֵבֶר, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר גֵייט פְּרוּבִּירְן אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן קֵבֶר, אוּן עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז עֶר קְרִיכְט טַאקֶע אַרוֹיס פוּן קֵבֶר, אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ גֶעשֶׁעמְט אַרַיינְצוּגֵיין אִין שְׁטָאט וַוייל עֶר הָאט אָנְגֶעהַאט "תַּכְרִיכִים", הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט אַז עֶר וֶועט וַוארְטְן בִּיז בַּיינַאכְט אוּן דֶעמָאלְט וֶועט עֶר אַרַיינְגֵיין אִין שְׁטָאט, עֶר הָאט דֶערְקֶענְט פוּן דֶערְוַוייטְנְס זַיין שְׁטָאט מִיט דִי הַייזֶער אוּן אוֹיךְ זַיין הוֹיז, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעטְרַאכְט אַז זַיין מִשְׁפָּחָה וֶועט זִיךְ דֶערְשְׁרֶעקְן וֶוען זֵיי וֶועלְן אִים זֶען.

אִינְצְוִוישְׁן הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט וְוי עֶר זֶעט אַ מֶענְטְשׁ וָואס פַארְקוֹיפְט וֶועשׁ אוּן יֶענֶער הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט רֶבִּי'שֶׁע וֶועשׁ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר יֶענֶעם אַז עֶר זָאל זִיךְ טוּישְׁן מִיט אִים, עֶר וֶועט אִים גֶעבְּן זַיינֶע תַּכְרִיכִים אוּן יֶענֶער זָאל אִים גֶעבְּן פַאר דֶעם גֶעהֶערִיגֶע וֶועשׁ, אוּן יֶענֶער הָאט מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן אִים גֶעגֶעבְּן גוּטֶע וֶועשׁ אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַרַיין אִין שְׁטָאט, עֶר הָאט אָבֶּער גֶעזֶען אַז דָאס אִיז נִישְׁט זַיין שְׁטָאט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶר הָאט אַרַיין גֶעבְּלָאנְטְשֶׁעט אִין אַן אַנְדֶערֶע שְׁטָאט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרוּם גֶעדְרֵייט אִין שְׁטָאט.

וֶוען עֶס אִיז גֶעוָוארְן נַאכְט, אִין אַלֶע הַייזֶער אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן טוּנְקְל, הָאט עֶר גֶעזֶען אַז אֵיין הוֹיז אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן לִיכְטִיג, אִיז עֶר אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אִין יֶענֶעם הוֹיז הָאט עֶר גֶעזֶען אַז מֶען קֶען דָארְט עֶסְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט צוּ מֶען קֶען אִים גֶעבְּן צוּ עֶסְן, הָאט מֶען אִים גֶעזָאגְט אַז נָאר אוֹיבּ עֶר הָאט גֶעלְט וֶועט מֶען אִים גֶעבְּן צוּ עֶסְן, מֶען דַארְף בַּאצָאלְן פַאר'ן עֶסְן, עֶר הָאט דָאךְ אָבֶּער נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין גֶעלְט אִיז עֶר אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען הוּנְגֶערִיג.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז שׁוֹין גֶעוָוארְן טָאג, עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט דִי קוּרְצֶע זוּמֶער נֶעכְט, הָאט עֶר גֶעזֶען וְוי צְוֵוייא מֶענְטְשְׁן קְרִיגְן זִיךְ, הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶר אִיז אַ רָב אוּן עֶר קֶען זַיין מַאכְן אַ דִין תּוֹרָה אָדֶער אַ פְּשָׁרָה, הָאבְּן זֵיי מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶע'פַּסְקְ'נְט אַן אֱמֶת'ן דִין תּוֹרָה, אוּן אֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט אִים בַּאצָאלְט צְוֵויי גִילְדְן, אִיז עֶר צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּ קוֹיפְן עֶסְן אוּן מֶען הָאט אִים צוּגֶעגְרֵייט אַ גְלֶעזְל בְּרוֹינְפְן.

אָבֶּער נָאךְ אֵיידֶער עֶר הָאט עֶסְפִּיעֶט אָנְצוּהוֹיבְּן טְרִינְקֶען, זֶענֶען גֶעקוּמֶען צְוֵויי מֶענְטְשְׁן צוּ אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז זֵיי קוּמֶען פוּן בֵּית דִין אַז עֶר מוּז שׁוֹין קוּמֶען מִיט זֵיי צוּם בֵּית דִין, הָאט עֶר גֶעזָאגְט אַז עֶר וִויל קוֹדֶם עֶפֶּעס עֶסְן וַוייל עֶר אִיז זֵייעֶר הוּנְגֶערִיג, זֵיי הָאבְּן אִים נִישְׁט גֶעלָאזְט, זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין צַייט אוּן עֶר מוּז שׁוֹין קוּמֶען מִיט זֵיי אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט גֵיין מִיט זֵיי.

וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם בֵּית דִין, הָאבְּן זֵיי זִיךְ זֵייעֶר גֶערֶעגְט אוֹיף אִים פַארְוָואס עֶר - וָואס אִיז אַ פְרֶעמְדֶער מֶענְטְשׁ - אִיז אַהֶער גֶעקוּמֶען אוּן עֶר פַּסְקְ'נְט דִין תּוֹרוֹת, זֵיי הָאבְּן אִים גֶעזָאגְט: "אוּנְז וַוארְטְן שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ אוּנְז אַז אוּנְז זָאלְן פַּסְקְ'נֶען אַן אֱמֶת'ע דִין תּוֹרָה אוּן יֶעצְט בִּיזְטוּ גֶעקוּמֶען דָא פַּסְקְ'נֶען אַן אֱמֶת'ע דִין תּוֹרָה?!"

הָאט דֶער בֵּית דִין גֶעהֵייסְן אַז מֶען זָאל זוּכְן בַּיי אִים אוֹיבּ עֶר הָאט גֶענוּמֶען שׁוֹחַד, הָאט מֶען גֶעזוּכְט אוּן מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן דִי צְוֵויי גִילְדְן, הָאט דֶער בֵּית דִין גֶע'פַּסְקְ'נְט אַז מֶען זָאל אִים אוֹיסְטוּהן זַיינֶע וֶועשׁ אוּן אִים אַרוֹיס שְׁטוּפְן פוּן דָארְט אוּן מֶען הָאט אַזוֹי גֶעטוֹן. דֶער רָב אִיז אַרוֹיס זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוּן פַארְשֶׁעמְט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט אַז עֶס וָואלְט זִיךְ שׁוֹין עֶנְדֶערְשׁ גֶעלוֹינְט פַאר אִים צוּרִיקְצוּגֵיין אִין קֵבֶר אָבֶּער עֶר הָאט שׁוֹין נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין תַּכְרִיכִים.

אִינְצְוִוישְׁן הָאבְּן דִי מַלְאָכִים וָואס עֶר הָאט בַּאשַׁאפְן מִיט זַיינֶע מִצְוֹת אָנְגֶעהוֹיבְּן טַעֲנֶה'עְן אַז מֶען זָאל אִים שׁוֹין אָפְּלָאזְן אוּן מֶען הָאט אִים טַאקֶע גֶעוָואלְט אָפְּלָאזְן אָבֶּער עֶר הָאט קוֹדֶם גֶעדַארְפְט אוֹיסְפִירְן וָואס עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט צוּ קוּמֶען אִין חָלוֹם צוּ דֶעם אִיד אוּן אִים דֶערְצֵיילְן וָואס מִיט אִים אִיז גֶעוֶוען, אוּן דֶערְפַאר אִיז עֶר גֶעקוּמֶען דֶערְצֵיילְן פַאר דֶעם אֵיינִיקְל פוּן דֶעם אִיד דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען אַכְט אוּן צְוָואנְצִיג יָאר שְׁפֶּעטֶער.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אָבֶּער וֶוער עֶס וֶועט זַיין בַּיי מִיר דִי דְרֵיי צַייטְן אִין יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת חֲנוּכָּה, אוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, וֶועט נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי עוֹנֶשׁ פוּן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ".

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז הַיינְט מֵיינְט דָאס אַז מֶען זָאל פָארְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף אוּמַאן צוּם רֶבִּי'ן אַזוֹי וְוי עֶר הָאט גֶעהֵייסְן, אוּן שַׁבָּת חֲנוּכָּה אוּן שָׁבוּעוֹת זָאל מֶען דַאוֶוענֶען צוּזַאמֶען מִיט בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֲסִידִים אוּן מִיט דֶעם וֶועט מֶען גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן "עוֹלָם הַתּוֹהוּ".

מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר פַארְוָואס מֶען דַארְף גֵיין צוּם רֶבִּי'ן דַוְקָא אִין דִי צַייטְן, וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועקְט דֶער רֶבִּי אוֹיף פוּן שְׁלָאף אַז מֶען זָאל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן שָׁבוּעוֹת בַּאקוּמְט מֶען פוּן רֶבִּי'ן דֶעם סֵדֶר דֶערֶךְ הַלִּימוּד וְוי אַזוֹי צוּ לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן חֲנוּכָּה לֶערְנְט דֶער רֶבִּי אוֹיס צוּ דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר גֶעבְּט אוּנְז.

דֶערְפַאר וֶוען אַ מֶענְטְשׁ וֶועט הָאבְּן דִי זַאכְן, עֶר וֶועט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, דֶעמָאלְט וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי לֶעצְטֶע טָאג וֶועט עֶר לַאכְן פוּן יֶעדְן, אַלֶע טִירְן וֶועלְן פַאר אִים זַיין אָפְן אוּן עֶר וֶועט גְלַייךְ אַרַיינְגֵיין אִין גַן עֵדֶן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ט"ו עֶרֶךְ טוֹבוֹת)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (עז)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי קוּמְט צוּרִיק פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג בַּאזוּכְט עֶר בַּיי צַדִיקִים.**

### שיח

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי אַוֶועקְגֶעפָארְן פוּן דָארְט, אוּן עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז עֶר הָאט צוּגֶעזָאגְט פַאר הָרַב הַקוֹדֶשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם קַאלִיסְקֶער זי"ע, אַז גְלַייךְ וֶוען עֶר קוּמְט אָן קַיין חוּץ לָאָרֶץ וֶוער עֶר פָארְן צוּ הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי שְׁנֵיאוֹר זַלְמָן זי"ע [דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא אוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ הָרַב], צוּ רֶעדְן מִיט אִים וֶועגְן דִי גֶעלְט פַאר אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וָואס עֶר פְלֶעגְט צוּזַאמְנֶעמֶען, אוּן עֶר זָאל אוֹיסְגְלַייכְן דִי מַחְלוֹקֶת וָואס אִיז גֶעוֶוען צְוִוישְׁן זֵיי.

דֶער רֶבִּי אִיז גְלַייךְ אַרוֹיסְגֶעפָארְן פוּן וֶועג, עֶר אִיז נִישְׁט אַהֵיימְגֶעפָארְן, כָאטְשׁ וָואס עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גַאנְץ נָאנְט צוּ זַיין שְׁטָאט, וַוייל פוּן שְׁפּוֹלִי בִּיז מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע אִיז נִישְׁט מֶער פוּן זִיבֶּעצִיג קִילָאמֶעטֶער, עֶר אִיז אָבֶּער גְלַייךְ גֶעפָארְן קַיין לִיאַדִי צוּ הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי שְׁנֵיאוֹר זַלְמָן זי"ע.

דָארְט הָאט אִים דֶער בַּעַל הַתַּנְיָא אוֹיפְגֶענוּמֶען זֵייעֶר שֵׁיין, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן עֶר זָאל זָאגְן תּוֹרָה, דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט, הָאט עֶר אַלֵיין אָנְגֶעהוֹיבְּן תּוֹרָה מִיט גְרוֹיס אֲרִיכוּת, אוּן בַּיים סוֹף הָאט עֶר גֶעעֶנְדִיגְט מִיטְ'ן פָּסוּק "רַחֲמֶיךָ רַבִּים ה'" (תְּהִלִים קי"ט, קנ"ו), אוּן עֶר הָאט עֶס פַארְטַייטְשְׁט, "עֶס אִיז אוֹיף דִיר גָאט אַ גְרוֹיס רַחֲמָנוּת". דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף דֶעם, "מִיט דֶעם הָאט עֶר צוּגֶעטְרָאפְן", אוּן זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט צְוִוישְׁן זִיךְ.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי צוּרִיק גֶעפָארְן אוֹיפְ'ן וֶועג צוּ זַיין הוֹיז אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע.

### שיט

אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק פוּן לִיאַדִי, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט אַז הָרַב הַקָדוֹשׁ מְנֶעשְׁכִיז זי"ע אִיז זֵייעֶר קְרַאנְק, אוּן הַאלְט שׁוֹין נָאנְט צוּם הִסְתַּלְקוּת, הָאט דֶער רֶבִּי בַּאשְׁלָאסְן צוּ פָארְן צוּ אִים. עֶר אִיז גֶעפָארְן זֵייעֶר שְׁנֶעל, וַוייל עֶר הָאט זִיךְ גֶעוָואלְט אָנְיָאגְן אִים נָאךְ צוּ כַאפְּן בַּיים לֶעבְּן.

דֶער רֶבִּי אִיז טַאקֶע אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אִים מַמָשׁ פִינְף טֶעג פַאר זַיין הִסְתַּלְקוּת, אוּן דִי גְרוֹיסֶע לִיבְשַׁאפְט אוּן שִׂמְחָה וָואס הָרַב הַקָדוֹשׁ מְנֶעשְׁכִיז זי"ע הָאט גֶעהַאט פוּן דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים, קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאגְרֵייפְן אוּן דֶערְצֵיילְן.

יֶעדֶער הָאט גֶעוואוּסְט אַז דֶער צַדִיק לִיגְט שׁוֹין אִין בֶּעט זֵייעֶר קְרַאנְק פַאר אַ לַאנְגֶע צַייט, שׁוֹין אַ הַאלְבֶּע יָאר צַייט לִיגְט עֶר אִין אַ שְׁטוּבּ וואו ס'הָאט נִישְׁט אַרַיינְגֶעשַׁיינְט קַיין שׁוּם לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דִי זוּן, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְהַאלְטְן אֲפִילוּ נָאר אֵיין שְׁטְרַאל פוּן דִי זוּן, אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶערִירְט פוּן פְּלַאץ. עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט עֶסְן, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט לַיידְן אֲפִילוּ דִי גֶערוּךְ פוּן עֶסְן, מְ'הָאט אִים גֶעמוּזְט אִיבֶּערְזֵייעֶן דִי זוּפּ עֶטְלִיכֶע מָאל בִּיז עֶר הָאט עֶס גֶעקֶענְט נֶעמֶען אִין מוֹיל, אוּן בִּכְלַל הָאט נִישְׁט גֶעטָארְט אַרַיינְקוּמֶען אִינֶעם גַאנְצְן הוֹיז קַיין שׁוּם עֶסְנְוַוארְג, וַוייל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט לַיידְן דִי גֶערוּךְ. עֶר אִיז גֶעהַאט גָאר אַ שְׁוֶוערֶע קְרֶענְק אוּן אִיז גֶעלִיגְן מִיט שְׁרֶעקְלִיכֶע יִסוּרִים.

וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָבֶּער גֶעקוּמֶען צוּ אִים, הָאט עֶר מַמָשׁ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט. גְלַייךְ וֶוען דֶער רֶבִּי'נְ'ס בַּאגְלֵייטֶער, ר' יִצְחָק, הָאט גֶעזָאגְט דִי גוּטֶע בְּשׂוֹרָה פַאר הָרַב הַקָדוֹשׁ מְנֶעשְׁכִיז זי"ע אַז דֶער רֶבִּי קוּמְט צוּ אִים, אִיז עֶר גֶעוָוארְן פוּל מִיט פְרֵייד, עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר ר' יִצְחָק, "אִיר הָאט מִיר יֶעצְט מַמָשׁ אוֹיפְגֶעלֶעבְּט". אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ אִים אִיז עֶר גֶעוָוארְן גָאר פְרֵיילִיךְ אוּן הָאט אוֹיפְגֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּי'ן מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד, אוּן אַן אוּמְבַּאשְׁרַייבְּלִיכֶע לִיבְשַׁאפְט, אוּן זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ גֶערֶעדְט צְוִוישְׁן זִיךְ.

ר' יִצְחָק הָאט שְׁפֶּעטֶער דֶערְצֵיילְט אַז זֵיי הָאבְּן אִים דָארְט גֶערֶעדְט אִיבֶּער מַרְאוֹת אוּן חֶזְיוֹנוֹת פוּן אֶמֶת'עֶ צַדִיקִים וָואס זֵיי זֶעעֶן אוּן זֶענֶען מַשִׂיג, זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּנֶעם מַלְאַךְ מְטַ"ט, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה – גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## אוֹיבּ אַלֶעס טוּט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וְוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר זִיךְ בִּכְלַל בַּאהִיטְן?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

צוּם עֶרְשְׁט אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר דִי גֶעוַואלְדִיגֶע שִׁיעוּרִים. אִיךְ וְוִיל פַארְשְׁטֵיין אַן עִנְיָן אִין אֱמוּנָה, פוּן אֵיין זַייט וֵוייסְן מִיר דָאךְ אַז קֵיינֶער קֶען אוּנְז שְׁלֶעכְטְס טוּן אָדֶער גוּטְס אָן רְשׁוּת פוּן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט זֶע אִיךְ לְמָשָׁל וְוִי מוֹהֲרַ"אשׁ שְׁרַייבְּט אַסַאךְ אַז מְ'זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן מֶענְטְשְׁן, מְ'קֶען נִישְׁט טְרָאסְטְן קַיין מֶענְטְשְׁן, סְפֶּעצִיעֶל מִיט גֶעלְט זַאכְן, לִכְאוֹרָה וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט זָאגְן אַז מְ'זָאל זִיךְ פִירְן נָארְמַאל, אוּן אוֹיבּ וֶועט קוּמֶען אֵיינֶער וָואס וְוִיל מִיר בַּאגַנְבֶ'עֶנֶען, וֶועט עֶר דָאךְ סַיי וְוִי מִיר גָארְנִישְׁט קֶענֶען טוּן אוֹיבּ אִיז נִישְׁט אַזוֹי אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן אוֹיבְּן.

בֶּאֱמֶת אִיז דִי שְׁאֵלָה מֶער בִּכְלָלִיוּת אוֹיךְ, לְמָשָׁל וֶוען עֶס קוּמְט צוּ פַּרְנָסָה אָדֶער אַנְדֶערֶע הִשְׁתַּדְלוּת וָואס מְ'טוּט אִין לֶעבְּן; אוֹיבּ וֶועט סַיי וְוִי אָנְקוּמֶען צוּ מִיר אַלֶעס וָואס קוּמְט זִיךְ מִיר, פַארְוָואס זָאל אִיךְ זִיךְ דַארְפְן פְּלָאגְן אוֹיף דֶעם?

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ג' פַּרְשַׁת כִּי תֵצֵא, ה' אֱלוּל, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט עֶס זָאל אוֹיסְזֶען וְוִי עֶס אִיז דָא אַזַא זַאךְ וְוִי טֶבַע; עֶס זֶעט אוֹיס וְוִי זַאכְן פַּאסִירְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק בַּאהַאלְטְן אִין דִי וֶועלְט אַז עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן וְוִי זַאכְן פַּאסִירְן פוּן זִיךְ אַלֵיינְס; עֶס קֶען זִיךְ דַאכְטְן וְוִי דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעטוּן, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט גֶעמַאכְט – אָבֶּער חַס וְשָׁלוֹם מֶען זָאל זִיךְ אַיינְרֶעדְן אֵיין רֶגַע אַז עֶס קֶען עֶפֶּעס פַּאסִירְן אָן דֶעם וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אוּן בַּאפוֹילְן.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (חולין ז:): "אֵין אָדָם נוֹקֵף אֶצְבָּעוֹ מִלְמַטָּה, אֶלָּא אִם כֵּן מַכְרִיזִין עָלָיו מִלְמַעְלָה", אַ מֶענְטְשׁ צֶעקְלַאפְּט זִיךְ נִישְׁט דֶעם קְלֵיינֶעם פִינְגֶער אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל אָנְשְׁרַייבְּן אוֹיבְּן אִין הִימְל עֶס זָאל פַּאסִירְן, אוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים דֶערְצֵיילְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה עט, ו; יְרוּשַׁלְמִי שְׁבִיעִית כה:) וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי מִיט זַיין זוּן דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רַבִּי אֶלְעָזָר זֶענֶען אַרוֹיס פוּן דִי מְעָרָה נָאךְ דְרַייצְן יָאר הָאבְּן זֵיי גֶעזֶען וְוִי אַ פַאנְגֶער שְׁפְּרֵייט אוֹיס זַיינֶע נֶעצְן צוּ כַאפְּן פֵייגְלֶעךְ, זֵיי זֶעעֶן וְוִי אַזוֹי עֶר שְׁפְּרֵייט אוֹיס דִי נֶעץ אוּן אַ פֵייגְל וֶוערְט שִׁיעֶר אַרַיינְגֶעכַאפְּט, אִין דִי לֶעצְטֶע סֶעקוּנְדֶע הָאט זִיךְ דִי פֵייגְל גֶערַאטֶעוֶועט, נָאכְדֶעם קוּמְט נָאךְ אַ פֵייגְל אוּן זֵיי הֶערְן וְוִי עֶס גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל וָואס זָאגְט: "גֶעפַאנְגֶען" אוּן דִי פֵייגְל אִיז גֶעפַאנְגֶען גֶעוָוארְן; הָאט דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָא רַבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחַאי גֶעזָאגְט פַאר זַיין זוּן: "זֶעסְט, אֲפִילוּ אַ קְלֵיינְטְשִׁיג פֵייגֶעלֶע קֶען אוֹיךְ נִישְׁט גֶעכַאפְּט וֶוערְן אָן דֶעם וָואס מֶען זָאל דָאס אָפְּשְׁרַייבְּן אוֹיבְן אִין הִימְל".

דָאס הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי וֶועלְט, מֶען זַאל וִויסְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֲפִילוּ אַ וָואגְן פָּארְט אוּן עֶס פַאלְן אַרָאפּ שְׁטְרוֹי אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן אוֹיבְן פוּנְקְטְלִיךְ וואוּ דִי שְׁטְרוֹי זָאל פַאלְן אוּן וֶוען אַ בְּלֶעטֶעלֶע פַאלְט אַרָאפּ פוּן בּוֹים אִיז אוֹיךְ אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן הִימְל פוּנְקְטְלִיךְ וואוּ עֶס זָאל פַאלְן; קַיין שׁוּם זַאךְ פַּאסִירְט נִישְׁט פוּן זִיךְ אַלֵיינְס. דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אִין דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים: "יְדִיעָה", מֶען זָאל וִויסְן אַז עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי אוּן מְדַבֵּר – אַלֶעס אִיז עֶר אַלֵיינְס, עֶר הָאט זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אִין דִי זַאכְן עֶס זָאל אוֹיסְזֶען וְוִי עֶס אִיז דָא אַ וֶועלְט, אָבֶּער עֶס אִיז אֵיין שְׁטִיק אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז גֶעגֶעבְּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט מִיר זָאלְן אוֹיסְוֶועלְן צוּ טוּן גוּט; דָאס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן אִין דִי סְפָרִים הַקְדוֹשִׁים: "בְּחִירָה", דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ מֶעגְלִיכְקֵייט אַלֵיינְס אוֹיסְצוּאוֶועלְן צוּ זַיין גוּט אָדֶער פַארְקֶערְט חַס וְשָׁלוֹם – טוּן שְׁלֶעכְטְס; אוֹיבּ טוּט עֶר גוּטְס וֶועט עֶר הָאבְּן שְׂכַר אוּן אוֹיבּ טוּט עֶר נִישְׁט גוּט אוּן טוּט נִישְׁט תְּשׁוּבָה – וֶועט עֶר בַּאקוּמֶען אַן עוֹנֶשׁ.

דָאס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וְוִי קֶען זַיין "בְּחִירָה" מִיט "יְדִיעָה"? וְוִי אַזוֹי קֶען דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיסְוֶועלְן צוּ טוּן גוּטְס אָדֶער שְׁלֶעכְטְס וֶוען אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? וְוִי קֶען זַיין אַז אֵיינֶער זָאל קֶענֶען טוּן דֶעם צְוֵוייטְן שְׁלֶעכְטְס וֶוען אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? אַזוֹי אוֹיךְ אִיז שְׁוֶוער צוּ פַארְשְׁטֵיין, וְוִי קֶען זַיין אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אַ בְּחִירָה יָא טוּן אָדֶער נִישְׁט טוּן וֶוען אַלֶעס אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אָנְהֵייבּ יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, פוּנְקְטְלִיךְ וָואס גֵייט זַיין? אַלֶעס אִיז דָאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט אַלֶעס וָואס גֵייט זַיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס אַלֵיינְס, וְוִי קֶען זַיין אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אוֹיסְוֶועלְן גוּטְס אָדֶער שְׁלֶעכְטְס וֶוען אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער?!

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כא) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ עֶרְלִיךְ, עֶר הֵיילִיגְט זַיינֶע שִׁבְעָה נֵרוֹת; עֶר הֵיילִיגְט זַיינֶע אוֹיגְן, אוֹיעֶרְן, נָאז אוּן מוֹיל – דֶעמָאלְט אִיז עֶר זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ, נָאר דֶעמָאלְט קֶען עֶר פַארְשְׁטֵיין וְוִי אַזוֹי דִי צְוֵויי זַאכְן גֵייעֶן אִינְאֵיינֶעם, דֶעם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט שְׁוֶוער דִי קַשְׁיָא <<<<<<


**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים, אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה"**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 718-387-2691 #3**






BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

פוּן יְדִיעָה אוּן בְּחִירָה, וַוייל עֶר טְרֶעפְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין דִי בְּחִירָה, עֶר וֵוייסְט אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּן דָאךְ אִיז דָא אַ בְּחִירָה. דָאס קֶען נִישְׁט פַּארְשְׁטֵיין נָאר דֶער וָואס הָאט אַ רֵיינֶעם מֹחַ. מֶען רֵיינִיגְט זִיךְ דִי אוֹיגְן; מֶען קוּקְט נִישְׁט קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטֶע קוּק, מֶען קוּקְט נָאר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען רֵיינִיגְט זִיךְ דִי אוֹיעֶרְן; מֶען הֶערְט נִישְׁט קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אַזוֹי אוֹיךְ רֵיינִיגְט מֶען זִיךְ דִי נָאז; מֶען גְלֵייבְּט אִין דִי וֶוערְטֶער פוּן צַדִיקִים, מֶען רֵיינִיגְט זִיךְ דִי מוֹיל; נִישְׁט צוּ רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף קֵיינֶעם, נִישְׁט רֶעדְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן - דֶעמָאלְט וֶוערְט דֶער מֹחַ לוֹיטֶער אוּן רֵיין, דֶעמָאלְט קֶען מֶען פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי דָאס אַרְבֶּעט אִינְאֵיינֶעם.

דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז דִי שְׁלֶעכְטֶע מֶענְטְשְׁן וָואס טוּעֶן שְׁלֶעכְטְס פַאר אַנְדֶערֶע, בַּא'גַנְבְ'נֶען אַנְדֶערֶע, זֶענֶען מְצַעֵר אַנְדֶערֶע - וֶועלְן נִישְׁט בַּאקוּמֶען זֵייעֶר עוֹנֶש; דֶער וָואס אִיז מְצַעֵר אַנְדֶערֶע, דֶער וָואס טוּט רִשְׁעוּת פַאר אַנְדֶערֶע - וֶועט הָאבְּן אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע עֶנְדֶע. קֶען זַיין עֶס וֶועט נֶעמֶען אַ שְׁטִיק צַייט, עֶס וֶועט אַרִיבֶּער גֵיין אַ שְׁטִיק צַייט, אָבֶער בַּיים סוֹף וֶועט יֶענֶער בַּאקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער עוֹנֶש; דָאס אַלֵיינְס אִיז אוֹיךְ פוּן דִי וואוּנְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וִוי קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, אַלֶעס אִיז דָאךְ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט דָאךְ אַלֶעס אוּן טוּט אַלֶעס?! דָאס אִיז אַ בַּאהַאלְטֶענֶע זַאךְ וָואס מִיר קֶענֶען נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין.

וואוֹיל אִיז דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט אוּן קַיין שׁוּם זַאךְ אִיז אַ פֶּערְצוּפַאל, נָאר יֶעדֶע זַאךְ טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס מִיט אַ פּוּנְקְטְלִיכְקֵייט, אוּן אַלֶעס וָואס מִיר זֶעעֶן אוּן אַלֶעס וָואס פַּאסִירְט - אִיז אַ פַארְשְׁטֶעלְטֶע זַאךְ; עֶס זֶעט אוֹיס וִוי דֶער טוּט, וִוי יֶענֶער טוּט, עֶס זֶעט אוֹיס אַז אוֹיבּ מֶען אַרְבֶּעט הָאט מֶען פַּרְנָסָה אוּן אוֹיבּ מֶען אַרְבֶּעט נִישְׁט הָאט מֶען נִישְׁט פַּרְנָסָה, וֶוען בֶּאֱמֶת אִיז דָאס נָאר אַ פַארְשְׁטֶעלְטֶע זַאךְ, אַלֶעס אִיז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין; דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר זוֹכֶה זַיין צוּ דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה רְאֵה תש"פ)

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע

# סימן טוב ומזל טוב יהא לנו לכל ישראל

**אין נאמען פון די פילע טויזנטער אידן איבער די וועלט וועלכע שעפן חיזוק און התעוררות פון די געוואלדיגע חיזוק שיעורים, דרשות, און בריוו; וואונטשן מיר א הארציגע ברכת מזל טוב פאר'ן**

# ראש ישיבה שליט"א

**צו די שידוך שליסן פון זיין זון למזל טוב**

## הבחור אלחנן חיים ני"ו

**עב"ג בת**

## מוה"ר מרדכי אינדיג שליט"א

**מנהל תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד מיט דורות ישרים ומבורכים, געזונט און פרנסה מיט פיל אידיש נחת. דער אייבערשטער זאל העלפן אז דער ראש ישיבה שליט"א זאל ווייטער קענען ממשיך זיין מיט די עבודת הקודש צו מחזק זיין אידישע קינדער איבער די גאנצע וועלט, ארייגברענגען די עצות פון הייליגן רבי'ן אין אידישע קינדער, אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, מיט בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

## מוסדות היכל הקודש ברסלב

נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

## מו"ה שבתי מזרחי הי"ו

**צו די אפשערן פון זיין זון אליעזר שלמה נ"י למזל טוב**

מיר זענען שולדיג א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר ר' שבתי, וואס איז אזוי שטארק איבערגעגעבן פאר די מוסדות אין יעדן פרט און צו יעדע צייט, און ספעציעל פאר די שטעטל און קעמפ, דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן אים בייששטיין צו האבן געזונט פרנסה און נחת, ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים

**נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'**

## פריידיגע געפילן צום שידוך שליסן ביים ראש ישיבה שליט"א

מיט התרגשות'דיגע געפילן און מיט גרויס פרייד נעמען אנשי שלומינו אויף די פרייליכע בשורה מיט'ן שידוך שליסן פונעם זון פונעם ראש ישיבה שליט"א, הבחור החשוב אלחנן חיים ני"ו, מיט די טאכטער פון מוה"ר מרדכי אינדיג שליט"א, מנהל תלמוד תורה היכל הקודש ברסלב.

דער חתן איז פון די חשובע תלמידים אין ישיבה, וואו ער האט אויסגענוצט זיינע בחור'ישע יארן על התורה ועל העבודה. ער איז באליבט ביי אלע בחורים אין ישיבה מיט זיינע מדות טובות, ער איז באקאנט מיט זיין התמדת התורה, אויסער די שיעורי הישיבה האט ער זוכה געווען צו ענדיגן פאר זיך צענדליגע מאל ששה סדרי משנה, ער האט זוכה געווען מסיים צו זיין ש"ס, און נאך פילע שיעורים. ווי אויך איז ער שטארק באקאנט מיט זיין גרויסע הפצה, צו פארשפרייטן די ספרים און קונטרסים פון הייליגן רבי'ן, און מקרב זיין אידישע קינדער צום אייבערשטן מיט די עצות און לימודים פון הייליגן רבי'ן.

די כלה איז א חשובע תלמידה אין די "בית פיגא" סקול, וואו זי איז באקאנט מיט אירע מדות טובות און מיט איר איבערגעגעבנקייט פאר די סקול ארויסצוהעלפן בלב ונפש מיט אלעס וואס פעלט אויס.

אנשי שלומינו בפרט און אידן איבער די גאנצע וועלט בכלל, פרייען זיך מיט מיט די שמחה בבית הראש ישיבה שליט"א, ווי באקאנט פאר יעדן וויפיל דער ראש ישיבה שליט"א האט שוין אזויפיל ארויסגעהאלפן אידישע קינדער איבעראל מיט די געוואלדיגע דרשות און חיזוק, און מיט די הערליכע בריוו, וואס ער געבט איבער די עצות און לימודים פון הייליגן רבי'ן, לויט ווי מיר האבן מקבל געווען פון מוהרא"ש זי"ע, אויף די היינטיגע שפראך, אויפ'ן היינטיגן פארנעם, אז יעדער איד, אין סיי וועלכע מצב ער איז, זאל זיך קענען אן עצה געבן אין לעבן, און זאל קענען זיין נאנט צום אייבערשטן.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז ער זאל זוכה זיין צו זען פיל אידיש נחת פון אלע זיינע קינדער און אייניקלעך, עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד, מיט דורות ישרים ומבורכים.

**ומשמחה זו יושפע שפע רב לנו ולכל ישראל!**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **ישראל סאמעט** הי"ו, ברסלב

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

הפצת הגליון נתנדב ע"י

מו"ה **ארי פיש** הי"ו, ברסלב

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב


## שיעורים אין רמב"ם

משנה תורה להרמב"ם פארגעלערנט מיט געשמאק, בערך 10 מינוט א פרק, מ'האלט יעצט ביי הלכות תשובה.

געשמאקע גרינגע שיעורים אין רמב"ם:

קול ברסלב

212-444-9191 1, 2, 11

## אומאן ראש השנה!

**אלע אייערע געברויכן פאר אומאן; עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך. בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס.**

אייער פריינד

אלי קנאלל

Plan it Rite
Travel the right way

718-506-4341



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**